בס″ד

# עונג שבת

## פרשת יתרו תשס″ד

**גוט שבת אלע אידן.** ר׳ יאנקעל ראזענגארטן איז א ירושלמי איד וואס איז אמאל געפארן קיין אמעריקע. ר׳ יאנקעל איז דער מנהל פון א מיידל סקול פון א בית יתומים אין ירושלים. ער איז קיינמאל נישט געפארן קיין אמעריקע אבער יעצט איז די מצב געווען אזוי שווער, אז ער האט געדארפט פארן קיין אמעריקע כדי צוזאמענצונעמען געלט פאר די מוסדות.

ער איז געווען אביסל באזארגט ווען ער איז געזיצן אויפן עראפלאן, ווייל ר׳ יאנקעל האט נאר גערעדט אידיש. ער איז אפאר מאל געפארן קיין אייראפא, וואו רוב אידן רעדן אידיש. אבער אין אמעריקע רעדן די אידן אסאך ווייניגער אידיש. וועגן דעם האט ער נישט געוואוסט וואס וועט זיין. אבער דער אויבערשטער וועט העלפן, האט ער געטראכט בשעת ער איז איינגעשלאפן אין זיין זיץ אויפן עראפלאן.

באלד דערנאך איז ער אנגעקומען קיין אמעריקע. ער האט געפלאנט צו זיין א שטיק צייט אין ניו יארק און נאכדעם וועט ער פארן צו קליוולאנד, דעטרויט און שיקאגו, און נאכדעם אי″ה קיין לאס אנדזשעלעס.

דער אנהייב פון זיין נסיעה, אין ניו יארק, איז געגאנגען ב″ה זייער בהצלחה. ער איז איינגעשטאנען ביי א שוועסטערקינד ר׳ לייב. ר׳ לייב האט אסאך געהאלפן ר׳ יאנקעל טרעפן די גבירים וכו׳. אפאר טעג שפעטער האט ר׳ יאנקעל געדארפט שוין פארן ווייטער צו אן אנדערע שטאט, דעטרויט. ר׳ לייב האט ערלעדיגט אן אכסניה ביי א גביר ר׳ בערל גראס (נישט זיין עכטע נאמען).

ווען ר׳ יאנקעל איז אנגעקומען קיין דעטרויט, האט ער גערופן דעם גביר ר׳ בערל. ר׳ בערל איז אן עלטערער איד. ער איז זייער ווארם צו שלוחים און ער האט אפילו באשטעלט א טעקסי פאר ר׳ יאנקעל. בערך א האלבע שעה שפעטער איז ר׳ יאנקעל אונגעקומען צו ר׳ בערל׳ס שיינע הויז. ר׳ בערל האט שיין אויפגענומען ר׳ יאנקעל.

ר׳ יאנקעל איז צופרידן געווארן צו זען אז ר׳ בערל איז אן ערליכער איד. אבער, ר׳ בערל האט עפעס געזאגט פאר ר׳ יאנקעל׳ן וואס ר׳ יאנקעל האט נישט אזוי קלאר פארשטאנען. ר׳ בערל האט געזאגט פאר ר׳ יאנקעל׳ן אז ער האט מורא אז אפשר די כשרות אין זיין שטוב איז נישט אויף די מדרגה פון דעם חשובען גאסט. ר׳ יאנקעל איז געווארן אביסל צומישט וועגן ר׳ בערל׳ס רייד. ווייל אויסערדעם וואס ר׳ בערל האט געהאט אביסל א באשערטע בארד, האט ער אויסגעקוקט ווי אן ערליכער איד. אז, פארוואס זאל ר׳ יאנקעל נישט קענען עסן ביי אים אינדערהיים?

″איך בין נישט זיכער,″ האט ר׳ בערל אנגעהויבן צו פארציילן, ″אויב מיין שמירת שבת איז אייביג געווען ווי עס דארף צו זיין.″ דאן האט ר׳ בערל אנגעהויבן צו דערציילן זיין אינטערסאנטע מעשה וועגן זיין היטן שבת. ″אסאך יארן צוריק פאר די מלחמה, האב איך געוואוינט אין א קליינע שטעטל אין פוילען...″

פאר מיר גיין אנהייבן די מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון ענינים אין די מעשה וואס האבן א שייכות צו דער היינטיגער פרשה. די וואך ליינט מען וועגן קבלת התורה און די עשרת הדברות. באפעלט אונז דער באשעפער, ″זכור את יום השבת לקדשו.″ (שמות כ,ח) זאגט דער הייליגער רמב″ן אין די נאמען פון דער מכילתא, וועגן די מצוה פון ″זכור,″ ″שהיא מצוה שנזכור תמיד בכל יום את השבת שלא נשכחהו...″ עס איז א מצוה צו געדענקען אייביג די טאג פון שבת. אזוי ווי דער אור החיים זי″ע ברענגט פון דעם רמב″ן זי″ע, ″זכור″ מיינט ″שבכל יום יאמר היום יום אחד בשבת וכו׳, פירוש ובזה יקדשו.″ ד″ה, דורך דערמאנען שבת קודש יעדן טאג אין די וואך, ווערט די שבת געהייליגט.

אויב מען רעדט שוין פון די עשרת הדברות און קבלת התורה, לאמיר אביסל רעדן פון דעם ענין פון שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות התורה בפרט אונזערע הייליגע מרכז הכוללים ד׳שיכון סקווירא, בנשיאות של כ″ק מרן אדמו″ר עט″ר שליט″א. עס איז זעלבספארשטענליך, אבער עס קען נישט שאטן צו דערמאנען נאכאמל: די כוללים זענען די ריקן ביין פון אונזערע קהילה. ווייל כ″ק מרן אדמו″ר הקוה″ט זצוקללה″ה האט געגרינדעט דעם שטעטל מיט דער כוונה צו מאכן א פלאץ פון קדושה און טהרה. און ווי אזוי קענען מיר זיך פירן ווי עס דארף צו זיין? נאר ווען אונזערע יונגעלייט, די טאטעס פון אונזערע משפחות זענען זיך מקדש מיט לימוד התורה. וועגן דעם איז יעדער איינער מחויב צו שטיצן דעם כולל וויפיל מען קען, ווייל אן דעם האט מען נישט קיין שטעטל, חס ושלום! איז לאמיר אויסליידיגן די קעשענעס פארן כולל.

עס איז נישט דא קיין מער וויכטיג צייט אין די היסטוריה פון כלל ישראל ווי קבלת התורה. אין אמת׳ן אריין, יעדן טאג האט מען די בחירה צו מקבל זיין דעם תורה אדער חלילה נישט. אויב מען לערנט וויפיל מען קען דורכ׳ן טאג, און מען שטיצט די מוסדות התורה, ווייזט מען אז מען וויל מקבל זיין די תורה.

איז לאמיר יעצט צוריקגיין צו דער מעשה, וואס ווייזט אויף א מורא׳דיגע אופן איין איד׳ס עבודה אין די מצוה פון ″זכור את יום השבת לקדשו.″

″אסאך יארן צוריק פאר די מלחמה, האב איך געוואוינט אין א קליינע שטעטל אין פוילען.″ האט ר׳ בערל אנגעהויבן צו פארציילן. ″די ארעמקייט אין די שטעטל איז געווען געפערליך. וועגן דעם האט מיין טאטע מיך געשיקט קיין אמעריקע וואו מיין פעטער האט געוואוינט. מיין טאטע האט געמיינט אז דארט אין אמעריקע וועל איך קענען האבן א געהעריגע פרנסה. דעמאלט בין איך געווען נאר 12 יאר אלט.

ווען איך האב געטראפן מיין פעטער ביי די שיף אין אמעריקע, בין איך ערשטוינט געווארן צו זען גאר אן אנדערען מענטש, פון וועמען איך האב געדענקט פון אינדערהיים. ער איז שוין נישט געגאנגען מיט קיין לאנגע רעקל, און ער איז אויך נישט געגאנגען מיט קיין קאפעל אויפ׳ן קאפ, רח″ל. ליידער האט מיין פעטער נישט בייגעשטאנען דעם נסיון פון נישט ארבעטן שבת. ווייל איינער וואס האט נישט מסכים געווען צו ווערן א מחלל שבת, איז אפגעזאגט געווארן פון דער ארבעט. מיין פעטער האט נעבעך צוביסלעך פארלאזט אידישקייט.

מיין פעטער האט ערלעדיגט ארבעט פאר מיך אלס קארפענטערס העלפער. אבער, צוליב דעם וואס איך האב נישט געארבעט שבת, האבן זיי מיך אפגעזאגט פונעם ארבעט. די מעשה האט זיך איבערגעחזרט עטליכע מאל.

מיין פעטער האט אנגעהויבן מיך איינצורעדן אז איך זאל ארבעטן שבת, דער אויבערשטער זאל אפהיטן. ווייל מיין פעטער האט געדארפט ערלעדיגען פאר מיך נייע ארבעט יעדע וואך.

נאך אפאר וואכן פון ווערן אפגעזאגט פון יעדען ארבעט וועגן נישט ארבעטן שבת, האט מיין פעטער געהייסן אז די נעקסטע זונטאג ווען איך קום אן צו דער נייער ארבעט זאל איך זאגן פאר דעם בעל הבית אז איך בין מסכים צו ארבעטן שבת. מיין פעטער האט מיך אזוי געדריקט! איך האב מורא געהאט אז איך גיי נישט האבן וואס צו עסן. איך בין געווען א 12 יעריגער יונגל אליינס אין אמעריקע! סוף כל סוף האב איך מסכים געווען אז זונטאג גיי איך זאגן פאר דעם בעל הבית אז איך גיי ארבעטן שבת, ה׳ ירחם. און אזוי איז געווען. ביי מיין נעקסטע ארבעט וואס האט אנגעהויבן זונטאג, האב איך טאקע געזאגט פאר דעם בעל הבית אז איך גיי ארבעטן שבת.

יעדען טאג פון יענע וואך, האט מיין בעל הבית מיך געפרעגט אויב איך גיי אריינקומען צו דעם ארבעט די קומענדיגע שבת. איך האב אים געענטפערט ″יא,″ ווייל איך האב טאקע געמיינט צו מחלל זיין די הייליגע שבת, פאר די ערשטע מאל אין מיין לעבן.

שבת אינדערפרי איז אנגעקומען און איך בין ארויסגעגאנגען צו דער ארבעט וויינענדיק, און מיט א שווערן הארץ, ווייל איך האב באמת נישט געוואלט מחלל זיין שבת, נאר, איך האב געמיינט אז איך האב נישט קיין ברירה. ווען איך בין אנגעקומען צו דעם אריינגאנג פון דעם פאבריק, האב איך געזען מיין טאטענ׳ס צורה פאר מיין אויגען און ער האט געזאגט אין א ווייכע שטימע ″היט די שבת בערל, היט די שבת.″

פלוצלינג, האב איך מיך אפגעשטעלט אין פראנט פון דעם טיר פון דעם פאבריק. וואס טו איך? האב איך געטראכט. ווי אזוי האב איך אפילו געקענט טראכטן וועגן מחלל זיין שבת קודש?!? דאן האב איך אנגעהויבן צו לויפן אוועק פון דארט ווי שנעלער. איך האב געבעטן מחילה פונעם אויבערשטען. און איך בין קיינמאל נישט צוריקגעגאנגען צו מיין פעטער׳ס הויז.

″איך האב נישט מחלל געווען יענע שבת...″ האט ר׳ בערל געזאגט ווייטער פאר ר׳ יאנקעל, וואס האט צוגעהערט די גאנצע מעשה מיט אפענע אוירן. אבער, יעדען טאג פון די וואך האב איך געפלאנט צו ארבעטן שבת... וועגן דעם, פרעג איך אייך אויב דו ווילסט עסן אין מיין הויז אדער נישט? עס איז דיין ברירה.″

ר׳ יאנקעל איז געווארן איבערגענומען פון די ערליכקייט פון דעם איד ר׳ בערל. שפעטער, ווען ער איז אוועקגעפארן, האט ער באדאנקט ר׳ בערל, נישט נאר פאר די געלט וואס ער האט געגעבן פאר די מוסדות, אבער אויך פאר די געוואלדיגע מוסר השכל וואס ר׳ בערל האט אים אויסגעלערנט וועגן די מצוה פון ″זכור את יום השבת לקדשו.″ **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה″ר טובי׳ וואלפבערג הי″ו לרגל שמחת נשואי בנו דוב בשעטומ″צ • מזל טוב למוה″ר שמואל זאנוויל סיגלער הי″ו לרגל שמחת נשואי בתו בשעטומ″צ
נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא ומרדכי מענדל בן ציפורה יוטא בתוך שאר חולי ישראל
שתיקה יפה בשעת התפילה ″כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.″ (שבת קיט:)
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי׳ וואלפבערג (845) 362–3234